היינטיגער נומער האלט 8 זייטען.

№ 95 Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem פרייז 20 גראשען Lodzer Tageblat

# לאָדזשער טאַגעבלאַט

רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: פּיעטריקאָווער 16. טעלעפאָנען: פון רעדאַקציע 57, פון אַדמיניסטראַציע 47. | זונטאג, י"א ניסן תרפ"ט. | 21 kwietnia 1929 r. | 22=טער יאהרגאַנג.

# גרויסע יום-טוב-פּרעמיע

## פאַר די לעזער פון „לאָדזער טאַגעבלאַט"

לכבוד פסח האבען מיר צוגעגרייט אַן איבעראַשענדע פּרעמיע פאַר אונזערע לעזער. א פּרעמיע, וואס יעדער יוד וועט זיכער אויפנעהמען מיט אמת'ע פרענוניגען און אויפריכטיגער צופרידענהייט. דאס זענען צוויי וואונדערבאַרע ווערק, וואס ווערען אין יעדען יודישען הויז אריינברענגען א וועלט פון שענקייט און דערהויבענקייט, א קוואל פון וויסען און ליכט.

די ערשטע פּרעמיע איז דער אוצר פון דער יודישער פערגאנגענהייט

## „די יודישע געשיכטע"

פון פּראָפעסאָר העענריק גרעץ.

ווער ס'איז פּראָפעסאָר ג ר ע ץ, איז, דוכט זיך, איבריג צו זאָגען. דאָס דאָזיגע ווערק איז היינט צו טאָג די קלאַסישע געשיכטע פון יודישען פאָלק. די גאַנצע רוהמפולע פערגאַנגענהייט פון די יודען געהט דאָ פערביי אין א מערקווירדיג-אַנציהענדער פאָרם. עס איז דאָ נישטאָ די שווערפעלטיגקייט פון די געוועהנליכע געשיכטע-שרייבער. גרעץ'ס „יודישע געשיכטע" לייענט זיך, ווי א שפּאַנענדע ערצעהלונג, שמידט-צו דעם לעזער און לאָזט איהם נישט אָפּרייסען זיך פון דעם בוך. ביי יעדען, ווער עס בעקענט זיך מיט דער ג ע ש י כ ט ע פ ו ן א ו נ-ז ע ר ל ע ב ע ן, געשריבען דורך דעם דאָזיגען גרויסען מייסטער, ווערט זיין האַרץ אָנגעפולט מיט עהרפורכט און ליבע צו די יודישע גבורים און קעמפער און ער בעקומט פרישען מוטה און גלויבען אין די אונפערגענג-ליכע כחות פון אונזער פאָלק.

יעדער יוד מוז קענען זיין פערגאַנגענהייט. קענען גרעץ, לייענען גרעץ'ז, הייסט אַריינדרינגען אין דער יודישער נשמה. און דאס הייסט – דערקענען זיך אַליין. שטאַרקען די אייגענע כחות, בעפעסטיגען דעם גלויבען אין זיך אַליין!

מען דאַרף נישט צורעדען צו קויפען גרעץ'ס „יודישע געשיכטע", יעדער יוד מוז אַליין דערצו שטרעבען! איצט האט איהר די דאזיגע געלעגענהייט. „לאָדזער טאַגעבלאַט" גיט אייך די מעגליכקייט דערצו.

איהר האט די מעגליכקייט אַלע 7 בענדער פון דעם דאזיגען קלאַסישען ווערק פון דער יודישער געשיכטע, פּרעכטיג געדרוקט אין אַ הערליכען יודיש, איינצושאַפען זיך פאַר אַן אונגעוועהנליך ביליגען פּרייז—

## אַנשטאַט דעם נאָרמאַלען פּרייז 32.50 זל., סך-הכל פאַר 14 זל.

!!! הויבט היינט אן צו זאַמלען די קופּאָנעס פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" און באַלד נאָך יום-טוב וועט איהר דעם דאָזיגען ווערטפולען קאָמפּלעט ביכער האָבען אין אייער שטוב פאַר דעם שפּאַט-ביליגען פּרייז !!!

מיר ווילען אבער געבען די לעזער פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" א מעגליכקייט איינצושאַפען זיך אויך דאס בעסטע און דאס שענסטע פון דעם, וואס ווערט איצט געשאַפען אויף יודיש, אריינצוברענגען אין דער יודישער שטוב דעם נייעם טאָן אין יודיש און דערום האבען מיר צוגעגרייט נאך א צווייטע פּרעכטיגע פּרעמיע, דאס זענען

# די ווערק פון דר. א. קאַראַלניק

ד"ר א. קאַראַלניק איז איינער פון די גלענצענדסטע שריפטשטעלער ביי יודען, איינער פון די אָריגי-נעלסטע און טיפסטע שיין-שרייבער. די לעזער פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" איז ד"ר קאַראַלניק גוט בעקאַנט מיט זיין שאַרפען מח, מיט זיין דורכדרינגענדען בליק און מוטיגער פעדער.

ד"ר קאַראַלניק'ס זאַץ איז אַזוי ווי אויסגעשמידט פון שטאָל, זיין געדאַנק איז שאַרף און קלאָר. עס איז אָבער נישט דער טרוקענער דענקער. ניין. אין דער קאַנטיגקייט און געפרעסטקייט פון זיין סטיל לייכט זיך דורך א בילד, הילכט אָפּ א פיינער קלאַנג פון ריינער פּאָעזיע. ער שפּרייזט אוועק צו די אייביגע קוועלען פון שענקייט, וואו ער לאָזט פריי זיין דמיון, די פליגלען פון זיין גייסט, פון זיין מעכטיגען טאַלאַנט. ער לאָזט זיך צו די אַלוועלטליכע קוועלען פון שענקייט און צו די ריין-יודישע. ד"ר א. קאַראַלניק געהט, ער קען געהן, צו ביידע. פון די א ל ו ו ע ל ט ל י כ ע גיט ער אונז טיף-דורכגעטראַכטע און

## מייסטערהאַפט געצייכענטע פּאָרטרעטען

סאָקראַטעס, פּלאַטאָן, העגעל, קאַנט, ניצשע, דאַנטע, שעקספּיר, לעאָנאַרדאָ דע ווינטשי, בעטהאָווען, וואָלטער, רענאַן, אַנאַטאָל פראַנס, און פיל אַנד. — פון די י ו ד י ש ע האָבען מיר אין זיינע ווערק: יהודה הלוי, דעם רמב"ם, שפּינאָזאַ; פון די שפּעטערדיגע — מאַרקס, לאַסאַל, עדוארד בערנשטיין, אַלבערט איינשטיין און אַנדערע.

עס שווימען אויך אַרויס אין קאַראַלניק'ס ווערק פאַר אונזערע אויגען די פּאָרטרעטען פון די גרויסע יודישע קינסטלער פון וואָרט: שלום עליכם, דוד פרישמאַן, יהואש, אברהם רייזען, פרוג, נאָמבערג. פאַר דעם לעזער ענטפּלעקט זיך דאָ א וועלט פון שענקייט און וויסן, א וועלט פון גלאַנץ און ערהאַבענקייט.

מיט ד"ר א. קאַראַלניק'ס ביכער ווערט מען עפּיס זיכערער ביי זיך און זיכערער אין לעבען.

מיט זיינע ביכער גיסט ד"ר קאַראַלניק אַריין אין אונז אויך א טייל פון יענער שענקייט און יענעם גלאַנץ, וואס זענען אייביג, ווי די וועלט, ווי דאָס לעבען.

## פינף ביכער פון ד"ר א. קאַראַלניק גיבען מיר אלס פּרעמיע:

1) „דאס בוך פון וואָרצלען" (264 זייטען) נאָרמ. פּרייז 7 זל.
2) „דאס בוך פון בלעטער" (236) „ „ „ 6.50 „
3) „דאס בוך פון בלעטער" (231 זייטען) נאָרמ. פּרייז 6.50 זל.
4) „ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכען (240 „ „ „ „
5) ווידערקלאַנגען און ווידערשפּרוכען (235 זייטען) נאָרמאַלער פּרייז 6.50 זל.

די אַלע 5 ביכער, וועלכע קאָסטען צוזאַמען 33 זלאָטיס בעקומען די לעזער פון „לאָדזער טאַגעבלאַט" נאָר פאַר 16 זלאָטיס

לאָזט נישט דורך די דאָזיגע געלעגענהייט !!!

זעה קופּאָן 6. זייט.

פאַר 30 זלאָטים קענט איהר זיך איינשאַפען אַ פּרעכטיגע ביבליאָטעק, א וואונדער-שאַץ פון יודישער געשיכטע און שעהנשרייבעריי, וואס דאַרף אין בוכהאַנדלונג קאָסטען העכער 65 זלאָטים.

זעה קופּאָן 6. זייט.

שניידט אויס די פּרעמיע-קופּאָנעס פון „לאָדזער טאַגעבלאַט"

# גרויסע פערפלייצונגען אין אוקראינא

## 10 מענשען דערטרונקען. — פיל טויזענדער געבליבען אהן א דאך.

מאסקווא, 20 אפריל (ספ.) אין דער אומגעגענד פון כארקאוו איז פאר־געקומען א גרויסע פערפלייצונג. אלע פעלדער געפינען זיך אונטער'ן וואסער. די באהן־טעלעגראף און טעלעפאן־פאר־בינדונג איז איבערגעריסען געווארען. דאס וואסער האט זיך פערשפרייט מיט אזא שנעלקייט, אז די איינוואוינער האבען קוים בעוויזען צו ראטעווען זיך מיט אנטלויפען. 10 פויערים זענען דערטרונ־קען געווארען. פיל טויזענדער זענען געבליבען אהן א דאך איבער'ן קאפ.

## 20 טויזענד יודישע קינדער לערנען אין די העברעאישע שולען אין א"י.

ירושלים. 20. אפריל (יט"א). דא איז פארגעקומען א גרויסע פייערונג לכבוד דער 25־יעהריגער עקזיסטענץ פון יודישען לעהרער־פערבאנד אין ארץ־ישראל. אין דער פייערונג האבען זיך בעטייליגט פיל אנגעזעהענע פערזענליכקייטען, דערונטער אויך פעליקס ווארבורג.

אין פערבאנד געפינען זיך היינט 780 לעהרער, וואס זענען בעשעפטיגט אין 225 שולען, אין וועלכע עס לערנען 20 טויזענד קינדער.

## סאוויעטען־מאכט זאל אונטערנעהמען אן ענער־גישען קאמף געגען אנטיסעמיטיזם.

מאסקווא, 20 אפריל (יט"א) דער סאוונאקאם האט זיך געווענדעט צום יוסטיץ־קאמיסאר, אז ער זאל ארויינשטע־לען אין זיין בודזשעט א פאזיציע צו בעקעמפען דעם אנטיסעמיטיזם.

## בראדסקי'ס שוהל פערוואנדעלט אין אן ארבייטער־קלוב.

מאסקווא, 20 אפריל (יט") די בראדסקי־שוהל אין קיעוו איז פערוואנ־דעלט געווארען אין א יודישען ארבייטער קלוב.

## וועלט־קאנפערענץ פון יוד. האנדווערקער ווערט פארקומען אין מאי.

בערלין, 20 אפריל (יט"א) דאס צענטראל־ביורא פון די יודישע האנד־ווערקער אין דייטשלאנד האט בעשלאסען צונויפצורופען אויף דעם 26 און 27 מאי ה. י. א וועלט־קאנפערענץ פון די יודישע האנדווערקער. די קאנפערענץ וועט פאר־קומען אין בוימען (טש אויבער־שלעזיען) אין דער קאנפערענץ וועלען זיך בעטיי־ליגען די יודישע האנדווערקער ארגאני־זאציעס פון פוילען, ליטא, רומעניען, טשעכאסלאוואקיען, לעטלאנד, פינלאנד א. א. וו.

## „בצלאל"־שולע האלט ביים פערמאכט ווערען

ירושלים, 20 אפריל (יט"א) די „בצלאל" שולע דראהט פערמאכט צו ווערען צוליב מאנגעל אין געלד.

Proszek Regera



sam pierze!

przewyższa jakościowo nawet najlepsze zagraniczne proszki do prania.

Cena 85 groszy

# מורא'דיגע באהן־קאטאסטראפע מיט מענשליכע קרבנות

ניו־יארק, 20 אפריל (ספ.) פון סאנט יאגא דע טשילי איז מען מודיע, אז צווישען די באהן־סטאציעם אוקוויקווע און אנטאפאגאסטא איז פארגעקומען א טרויעריגע באהן־קאטאסטראפע. א פא־סאזשירען צוג איז אראפ פון די שינעס, וואס 5 וואגאנעם זענען געגעצליך צו־... דער רעזולטאט איז געווען ... 16 מאן זענען דערהרג'־עט, ... און 25 פאסא־זשירען זענען שווער פערוואונדעט. אין די פערניכטעטע וואגאנעם איז אויסגע־בראכען א שרפה פון וועלכער 5 שווער פערוואונדעטע זענען פערברענט געווארען לעבעדיגערהייט.

## פונאנדערגעלאזען דעם פינלענדישען פארלאמענט

### דעם 1־טען יולי קומען פאר נייע וואהלען

העלסינגפארס (ספ.) לויט א דעקרעט פון פרעזידענט, איז דער סיים פונאנדערגעלאזט געווארען. די נייע סיים וואהלען זענען בעשטימט געווארען אויף דעם ערשטען יולי ה. י.

כשר לפסח — בעקאנטמאכונג — כשר לפסח

נור די איינציגע ווורשטען־פאבריק אין לאדז

פון די יודישע פריווילעגירטע פליישער

וועלכע בעזיצט א הכשר פון די רבנים הרב ר' יוסף פיינער שליט"א והרב ר' מרדכי ניסי קרול שליט"א

און וועלכע איז אויך פערזעהן מיט די נאמנים ומשגיחים הרב ר' משה אימשע נ"י סטעמפקאווסקי והרב ר' פנחס בן ישראל לייבעלע נ"י מארגענשטערן

מאכט בעקאנט, אז די פאבריק איז פערזעהן מיט א גרויסען אויסוואהל פון פערשידענע

געריכערטע פליישען

כשר על חג הפסח אפילו למהדרין מן המהדרין.

מיט אכטונג די יודישע פריווילעגירטע פליישער אין לאדז.

אונזערע געשעפטען געפינען זיך:

פאבריק און צענטראלע: קילינסקיעגא 60, — טעלעפאן 37־65

פיעטריקאווער 54, טעל. 37־66; גלאוונע אדער ... 9, טעל. 37־67; זגיערזשער 2, טעל. 49־82;

פיעטריקאווער 114

כשר לפסח — כשר לפסח

ווילט איהר האבען

א עונג יום־טוב

פערלאנגט נאר די וועלט־בערימהטסטע

מהדיר "JAPONCZYK"

זייט בעזונדערס אויפמערקזאם אויף אונ־זער גאטונעק מהדיר אין ווייסער פאקונג "NADZWYCZAJNA"

כשר לפסח בהכשר הראבינאט מווארשא.

ווי אויך אויף די ניי־ארויסגעלאזטע גאטונעק אין קופערקעס־פאקונג צו 50־גראמאווע און צו 1 קילאווע ווי אויך "gatunek 111 dla znawców" וועלכע האט קיין גלייכען צו זיך נישט.

8

מענער־היטען

אין די נייעסטע פאסאנען און פארבען, בעסטע קוואליטעט

עמפפעהלט: מ. קאפעלושניק, נור קאנסטאנטינער

גאנץ לאדז און די פראווינץ

האט זיך שוין איבערצייגט אז דעם גרעסטען אויסוואהל

לכבוד פסח

פון אלע סארטען וויינען אין און אויסלענדישע אריגינעלע

ווי אויך ביט־וויין ספעציעל פאר צוקערליידענדע און פערשידענע אנדערע וויינען אלעס כשר לחג הפסח עמפפעהלט

צו קאנקורענץ־פרייזען די בעוואוסטע פירמע

כרמל־וויין

ליפא שיינבערג

ווי אויך אריגינעלע וויין פון דער בעוואוסטער פירמע ליבערמאן, ווארשא, פראנציסקאנסקא 19

מעהד, ליקער, שפריט שליוואוויץ

לאדז, נאוואמיעסקא 27

טעל. 49־27. קומט און איבערצייגט אייך!

די פירמע עקזיסטירט זייט יאהר 1903. בעמ.: ביי א גרעסערען איינקויף ראבאט. אכטונג! כ'בעט די ג' קונדשאפט ביים איינקויפען וויין פון דער פירמע ליבערמאן ווארשא, אכטונג צו געבען אז אויף די איינוויינגע קארקען זאל זיין אויסגעגראבען דער זעלבער נומער וואס אויפ'ן עטיקעט.

כשר לפסח

די אין לאדז בעוואוסטע יודישע

שאקאלאד־פאבריק

ZŁOTY RAJ

מאכט בעקאנט דער ג' קונדשאפט דאס צו דעם בעפארשטעהענדען פסח איז פערזעהן מיט א רייכען אויסוואהל פון פערשידענע שאקאלאד און קארמעלען כשר לפסח אפילו למהדרין מן המהדרין. פער־קויפס־שטעלע: ווסכאדניא 50 זאוואדזקא 41 צעגעלניאנא 26

בעמ. דאס אלעס ווערט געארבייט בהכשר גמור אונטער דער השגחה פון אנשים כשרים ונאמנים

